© copyright 2003 AFII

קאַפּיטל פינף

[1] נאָך די זאַכן, איז געווען א חג (סעודה, יום טוב) אין יהודה און רבי מלך המשיח איז ארויפגעגאנגען קיין ירושלים.

[2] איצט איז פאראן אין ירושלים לעבן דעם שער-הצאן א טײַך, דער איינער וואָס הייסט אין אראמיט, בית-חסדא, וואָס האָט חמישה פּאָלישן.

[3] אין די דאָזיקע זיינען געלעגן אן מחנה פון קראנקע--עִוְרים (בלינדע מענער), פִּסְחים (הינקעדינקע מענטשן), פּאראליזירטע.

[4] [ווײַל א מלאך השם פלעגט צײַטווײַס אראָפּגיין אין דעם בְּרֵכָה (טײַך) און אויפרודערן פלעגט דעם מים; דעריבער, דער וואָס איז דער ערשטער ארײַן נאך די באַוועגינג פון דעם מים, איז געהיילט געוואָרן, פון וואָס נאָר חולי (קרענק, קראַנקהײַט) האָט אים באהערשט.]

[5] און איז געווען א איינער מאן דאָרט שלושים ושמונה שנה [דברים 2:14] האָבנדיק מחלה (קראנקהײַט) געווען.

[6] רבי מלך המשיח, זעענדיק דעם מענטש ליגן דאָרט, און האָבן דעת אַז דער מענטש איז געווען אין דער לאַגע פאר א לאַנגע צייט שוין, האָט גערעדט צו אים, ווילסט דו האָבן רפואָה [ישעיה 53:5]?

[7] אין ענטפער, האָט דער חולה (דער קראַנקער) געזאָגט, אדוני, איך האָב ניט עמיצן, מיר אַרײַנצוטאָן אין דעם טײַך ווען דער מים ווערט באַוועגט. ווען איך קום אָן, גייט עמיצער אנדערש אין דעם טײַך פאַר מיר.

[8] רבי מלך המשיח זאָגט צו אים, שטיי אויף, נעם דײַן

מאַטע און גיי אַוועק.

[9] און גלײַך האָט דער מענטש באַקומען זײַן רפואה (אויסהיילונג) און האָט גענימען זײַן מאַטע און איז אַרום געגאנגען. און דער טאָג איז געווען שבּת.

[10] דעריבּער האָבּן די אייניקע פון יהודה געזאָגט צו דעם וואָס איז געגעבּן געוואָרן רפואה (אויסהיילונג), עס איז שבּת, עס איז אָסר (ניט דערלויבּט), עס איז חילול שבּת [פאַרשוועכן דעם שבּת] אַז דו זאָלסט טראָגן דײַן מאַטע [נחמיה 13:15; ירמיה 17:21].

[11] אָבּער דער מענטש האָט געזאָגט אין ענטפער צו זיי, דער איינער וואָס האָט מיר געגעבּן רפואה, דער האָט מיר געהייסן, נעם דײַן מאַטע און גיי!

[12] זיי האָבּן אים געפרעגט, ווער איז האיש (דער מאַן) וואָס האָט דיר געהייסן נעמען דײַן מאַטע אין גיין?

[13] אבּער דער איינער צו וועמען איז געגעבּן געוואָרן רפואה (אויסהיילונג) האָט ניט געהאט דעת ווער עס איז, ווײַל רבּי מלך המשיח איז אוועק געגאנגען ווײַל א מחנה איז פארזאמלט געווען אין דעם פּלאץ.

[14] נאך די זאכן האט רבּי מלך המשיח אים געפינען אין דעם בּית המיקדש, און געזאָגט צו אים, הנה, דו האָסט בּאקומען דײַן רפואה. בּאגיי מער ניט קיין עבירות, טאָמער עפּעס ערגער זאָל אײַך טרעפן.

[15] דער מאן איז אוועק און בּאריכט צו די יהודים אַז יהושע איז דער איינער וואָס האָט אים געגעבּן זײַן רפואה,

[16] און, צוליבּ דעם, האָבּן יענע פון יהודה רדיפה (פארפאָלגט) דעם רבּי מלך המשיח, ווײַל די זאכן האט ער אָפּגעטאָן אויף שבּת.

[17] אבּער רבּי מלך המשיח אין ענטפער, האָט געזאָגט צו זיי,

אבי בּיז איצט אַרבּעט און איך אַרבּעט [בראשית 2:3].

[18] דערפאַר וועגן דעם, טאַקע, האָבּן די פון יהודה נאָך ווייַטער געזוכט צו הרגענען רבי מלך המשיח, ווייַל ניט נאָר איז ער ניט שומר שבת, אָבּער רבּי האָט אויך געזאָגט אַז זיין אייגן אב איז געווען השם, און אַזוי מאַכנדיק מאַכנדיק זיך אַליין גלייַך מיט אלוהים [יוחנן 1:1].

[19] אין ענטפער, דעריבּער, רבי מלך המשיח האָט געזאָגט צו זיי, אָמֵן, אָמֵן, איך דערצייל אייַך הבֵּן קען אַליין גאָרניט טאָן סייַדן וואָס ער זעט האב טוט, ווייַל די זאַכן וואָס דער איינער טוט, די זאַכן טוט אויך הבֵּן אין זעלבּן וועג.

[20] ווייַל האב האָט אהבה פאַר הבֵּן און ער בּאַווייזט אים אַלצדינג וואָס ער טוט און מעשים גדלים ווי די אייניקע וועט ער אים ווייַזן כּדי איר זאָלט קענען פאַוואונדערן.

[21] ווייַל פּונקט ווי האב איז מחַיה די מתים (טויטע) און בּרענגט זיי צום לעבּן, אַזוי אויך בּרענגט הבֵּן לעבּן צו די וואָס ער וויל.

[22] ווייַל אפילו האב משפּט קיינעם ניט, נאָר אַלע משפּט האט השם געגעבּן צום הבֵּן

[23] אַזוי אַז אַלע בּני אדם זאָלן כּבוד געבּן ווי זיי געבּן כּבוד האב. דער איינער וואָס גיט ניט אָפּ כּבוד הַבֵּן גיט ניט אָפּ כּבוד האב וועלכער האָט אים צוגעשיקט.

[24] אמן, אמן, זאָג איך צו אייַך, אַז דער איינער, הערנדיק מיין דבר און האָבּנדיק אמונה אין דעם איינעם וואָס האָט מיר געשיקט, האָט חיי עלום און וועט ניט קומען צום משפּט השם, נאָר ווערט אַריבּערגעפירט פון דעם מָוֶת (טויט) צום חיַים (לעבּן).

[25] אמן, אמן, זאָג איך צו אייַך, אַז א שעה קומט און איז איצט דאָ, ווען די מתים וועלן הערן דעם קוֹל (שטימע)

פון דעם בֶּן האלוהים און די איינע וואָס האָבּן דאָס געהערט וועלן לעבּן.

[26] ווייַל פּונקט ווי האַב האָט חיים (לעבּן) אין זיך אַליין, דאָס אויך האָט ער געגעבּן הבֶּן ער זאָל האָבּן חיים אין זיך.

[27] און סמכות (רשות) האָט ער געגעבּן צו אים צו טאָן משפּטן ווייַל ער איז דער בֶּן האדם [משיח, דניאל 7:13-14].

[28] זייַט ניט באַוואונדערט וועגן דעם. ווייַל א שעה קומט אָן ווען אַלע די איינע אין די קברים וועלן הערן דעם קוֹל פון רבּי מלך המשיח,

[29] און וועלן ארויס גיין, די איינע וואָס האָבּן זיך געפירט הטוב צו א תחיית המתים פון חיים, די איינע האָבּנדיק געפירט זיך הרע צו א תחיית המתים פון משפּט [דניאל 12:2]

[30] איך אליין קען גאָרניט טאָן. ווי איך הער, משפּט איך, און מיינער איז משפּט צדק, ווייַל איך שטרעבּ ניט פאַר מיין אייגן רַצון
(ווילן) נאָר דעם רצון פון דעם איינציקן האָבּנדיק מיר צוגעשיקט [במדבר 16:28].

[31] אויבּ איך גיבּ פּייַערלעך עדות וועגן זיך אליין, מיין עדות איז ניט נאמנה (באַשטעטיקן).

[32] עס איז פאַראַן עמיצער אַנדערש וואָס גיט פּייַערלעך עדות וועגן מיר, אָבּער, און איך האָבּ דעת אז די עדות וואָס ער גיט וועגן מיר איז נאמנה (זיכער ,באַשטעטיקן).

[33] איר האָט געשיקט צו יוחנן און ער האָט געגעבּן פּייַערלעך עדות צו דעם אמת.

[34] עס איז ניט נעם אָן וואָס איך עדות פון בּני אדם, נאָר

איך זאָג די זאַכן אז איר זאָלט קומען צו ישועת אלוהֵינוּ.

[35] ער [יוחנן] איז געווען א מנורה פרענענדיק און שייַנענדיק און איר האָט אויסגעקליבן צו שפיגלען זיך פאַר א ווייַלע אין זיין אור (ליכט).

[36] אָבער איך האָב גרעסער עדות ווי יוחנן'ס. ווייַל די מעשים וואָס האַב האַט צו מיר געגעבן אז איך זאָל אויספירן, די מעשים וועלכע איך טו זאָגן פייַערלעך עדות וועגן מיר, אַז האַב האָט מיר געשיקט.

[37] און האַב וועלכער האַט מיך געשיקט האָט אליין געגעבן פייַערלעך עדות וועגן מיר. איר האָט סייַ ניט געהערט זייַן קוֹל (שטימע) און איר האָט ניט געזען דעם פאָרם פון השם [דברים 4:12],

[38] און דער דבר השם לעבט ניט און וואוינט ניט אין אייך, ווייַל איר האָט ניט ביטחון, קייַן אמונה אין דעם איינעם וואָס השם האָט געשיקט.

[39] איר זוכט אין די כּתבי-הקודש ווייַל איר דענקט אז אין זיי האָט איר חיי עולם. און די דאָזיקע זייַנען די איינע וואָס געבן פייַערלעך עדות וועגן מיר.

[40] און מיר ווילט ניט צו קומען צו מיר אז איר זאָלט האָבּן חיים.

[41] כּבוד פון בּני אדם נעם איך ניט.

[42] נאָר איך האָבּ געהאַט דעת וועגן אייַך, אז די אהבת השם האָט איר ניט אין זיך.

[43] איך בּין געקומען בּשם אבי און איר האָט מיר ניט אָנגענומען. אויבּ אנאנדערער קומט אָן אין זייַן אייגן נאָמען, וועט איר אים אָנעמען.

[44] ווי אזוי קענט איר האָבּן אמונה, ווען איר נעמט אָן כּבוד צווישן זיך, און דעם כּבוד פון דעם איינציקן אלוהים

האחד זוכט איר ניט?

[45] איר זאָלט ניט טראַכטן אַז איך װעל אײַך באַשולדיקן פאַר דעם האַב; אָבער, עס איז פֿאַראַן אײנער װאָס באַשולדיקט אײַך: משה, צו װעמען איר האָט פֿאַרטרויט אײַער תקוה.

[46] װײַל אויב איר װאָלט געהאַט אמונה אין משה, װאָלט איר געהאַט אמונה אין מיר, װײַל ער אַליין האָט געשריבן װעגן מיר.

[47] אָבער אויב אין די כּתבֿי-הקודש פֿון דעם אײנעם אין װעמען איר האָט ניט אמונה, װי אַזױ װעט איר האָבן אמונה אין מײַן דבֿר?